בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת גליון

## פאר'ן שבת טיש



פרשת בראשית
מברכים מרחשון
כ"ט תשרי שנת
תשפ"א לפ"ק
שנה 2, גליון 2
(17)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ שְׁנַת תשׁ"פ לִפְרָט קָטָן אִינְדֶערְפְּרִי הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶועְן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ג', דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חִגֵּר.

### דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט:

וַיְהִי הַיּוֹם. אִיז דֶער מֶלֶךְ פוּן דֶער מְדִינָה וָואס דָארְט אִיז גִיזֶעסִין דָאס אֵיינִיקִיל פוּן דֶעם זָקֵן. אִיז דֶער מֶלֶךְ קְרַאנְק גִיוָוארִין. הָאט עֶר זִיךְ גִיפָּארִיט מִיט דָאקְטוֹירִים. אוּן זֵיי הָאבִין אִים נִיט גִיקֶענְט טָאן קֵיין רְפוּאָה. מַחְמַת גְרוֹיסֶע הִיצֶען וָואס אִיז גִיוֶוען דָארְט אִין דֶער מְדִינָה. דֶער אִיבֶּער הָאבִין נִיט גִיהָאלְפִין דִי רְפוּאוֹת. הָאט דֶער מֶלֶךְ פוּן דֶער מְדִינָה גוֹזֵר גִיוֶוען אַז יוּדִין זָאלִין פַאר אִים מִתְפַּלֵל זַיין. הָאט אוּנְזֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט. (דְהַיְינוּ דֶער מֶלֶךְ פוּן שֵׁדִים) בַּאֲשֶׁר דָאס אֵיינִיקִיל הָאט זִיךְ כֹּחַ צוּ נוּצִין מִיט דֶעם סֵפֶר בִּקְדוּשָׁה. אוּן עֶר נוּצְט פָארְט נִיט דֶער מִיט. דְרוּם בַּאדַארְפִין מִיר אִים אַ טוֹבָה טָאן. אוּן הָאט גִיהֵייסִין מִיר אַז אִיךְ זָאל דָארְט וֶוערִין אַ וָואלְקִין. כְּדֵי דֶער מֶלֶךְ (פוּן דֶער מְדִינָה) זָאל הָאבִין אַ רְפוּאָה. פוּן דִי רְפוּאוֹת וָואס עֶר הָאט שׁוֹין גִינוּמֶען אוּן פוּן דִי רְפוּאוֹת וָואס עֶר וֶועט נָאךְ נֶעמֶען. אוּן דָאס אֵיינִיקִיל הָאט דֶערְפוּן גָאר נִיט גִיוואוּסְט. אוּן מַחְמַת דֶעם בִּין אִיךְ דָא גִיוֶוען אַ וָואלְקִין. (דָאס הָאט אַלְץ דֶערְצֵיילְט דֶער וָואלְקִין צוּם שְׁלִיחַ).

אוּן דֶער וָואס הָאט פְרִיר נִיט גִיהַאט קֵיין כֹּחַ אִין דִי פִּיס. אִיז זֵיי נָאךְ גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט דָאס אַלְץ גִיהֶערְט. הָאט מֶען אִים גִיבְּרַאכְט צוּם מֶלֶךְ (דְהַיְינוּ דֶעם וָואס עֶר אִיז גִיוָוארִין אַ וָואלְקִין הָאט מֶען אִים גִיבְּרַאכְט צוּם מֶלֶךְ) הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיהֵייסִין. אַז מֶען זָאל בַּיי אִים אָפּ נֶעמֶען דֶעם כֹּחַ. אוּן מֶען זָאל אוּם קֶערִין צוּ דֶעם מֶלֶךְ (וָואס זֵיי הָאבִין בַּיי אִים דֶעם כֹּחַ אַוֶועק גִינוּמֶען וַוייל עֶר הָאט גִיבּוֹיעֶט אוֹיף זֵייעֶר אוֹרְט כַּנַ"ל) הָאט מֶען אִים אוּם גִיקֶערְט דֶעם כֹּחַ. אִיז צוּרִיק גִיקוּמֶען דֶער זוּן פוּן דִי שֵׁדִים (וָואס דֶער פָאטֶער אוּן דִי מוּטֶער הָאבִין גִיוֵויינְט נָאךְ אִים כַּנַ"ל) אוּן עֶר אִיז גִיקוּמֶען זֵייעֶר אָפְּגִימוּטְשֶׁעט אָן כֹּחַ וָוארִין מֶען הָאט אִים דָארְט זֵייעֶר גִיפַּיינִיגְט. הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַארְדְרָאסִין אוֹיף דֶעם מְכַשֵׁף וָואס עֶר הָאט אִים דָארְט אַזוֹינֶע יִסוּרִים אָן גִיטָאן. הָאט עֶר אָן גִיזָאגְט זַיינֶע קִינְדֶער. אוּן זַיין מִשְׁפָּחָה. אַז זֵיי זָאלִין תָמִיד לָאקֶערִין אוֹיף דֶעם מְכַשֵׁף. אוּן צְווִישִׁין דִי שֵׁדִים אִיז דָאךְ אָבֶּער דָא מְדַבְּרִים (דְהַיְינוּ דִי רֵיידֶערְס) זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאבִין אָפּ גִיזָאגְט דֶעם מְכַשֵׁף. אַז זֵיי לָאקֶערִין אוֹיף אִים. כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ הִיטִין. הָאט דֶער מְכַשֵׁף גִיטָאן תַּחְבּוּלוֹת. אוּן עֶר

<<<

## אַ וָוארְט פַארְן שַׁבָּת טִישׁ

בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ (בראשית א, א)

עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן חֲזוֹן אִישׁ זַצַ"ל, אוּן גֶעוֵויינְט אַז עֶר קוּמְט יֶעצְט פוּנֶעם דָאקְטֶער, אוּן דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אַז מֶען הָאט גֶעפוּנֶען בַּיי אִים אַ גֶעפֶערְלִיכֶע קְרֶענְק אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מֶער וִוי פִיר טֶעג צוּ לֶעבְּן.

דֶער חֲזוֹן אִישׁ זַצַ"ל הָאט גֶעעֶפְנְט אַ חוּמָשׁ בְּרֵאשִׁית אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵיינֶען דִי פְּסוּקִים פוּן מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג "וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם אֶחָד". אוּן אַזוֹי וַוייטֶער וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי צְוֵוייטֶע טָאג אוּן דִי דְרִיטֶע טָאג אוּן דִי פֶערְטֶע טָאג "וַיַּעַשׂ אֱלֹקִים אֶת שְׁנֵי הַמְּאֹרֹת הַגְּדֹלִים". וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם רְבִיעִי". אוּן דֶער חֲזוֹן אִישׁ הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט פַאר דֶעם אִיד: "קוּק וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַלְץ בַּאשַׁאפְן אִין פִיר טֶעג. דִי הִימְל אוּן עֶרְד, הִימְלֶען, יַמִּים אוּן יַבָּשָׁה, גְרָאז מִיט בֵּיימֶער, דִי זוּן אוּן דִי לְבָנָה מִיט דִי שְׁטֶערְנְס. אוּן דוּ דֶערְשְׁרֶעקְסְט זִיךְ נָאךְ פוּן דֶעם וָואס דֶער דָאקְטֶער גֶעבְּט דִיר נָאר פִיר טֶעג צוּ לֶעבְּן?! דוּ וֵוייסְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען נָאךְ טוּישְׁן אִין דִי פִיר טֶעג?"

"אִיךְ וָואלְט דִיר גֶערָאטְן" - הָאט אִים דֶער חֲזוֹן אִישׁ גֶעזָאגְט - "אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט אִים בֶּעטְן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה, אוּן דוּ וֶועסְט נָאךְ זֶען וִוי דוּ וֶועסְט הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים גֶעזוּנְטֶערְהֵייט".

דֶער אִיד הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן עֶפֶּעס אַ לֵיידִיגֶע שׁוּל, עֶר הָאט זִיךְ דָארְט גוּט אוֹיסְגֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע גֶע'פּוּעֶלְ'ט אַ יְשׁוּעָה, עֶר אִיז גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן אוּן עֶר הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט נָאכְדֶעם צֶען יָאר גֶעזוּנְט אוּן פְרִישׁ.

דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט לִיבּ צוּ צֶעבְּרֶעכְן דֶעם מוּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן קְלֵיין, עֶר זָאל טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז דָאךְ נִישְׁט מֶער וִוי אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד, וִוי אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען פוּעֶלְ'ן גְרוֹיסֶע זַאכְן?

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז מִיר הָאבְּן אִין זִיךְ גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע כֹּחוֹת, אוּן מִיר קֶענֶען בְּלוֹיז מִיט דִי מוֹיל אוֹיפְטוּן גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן. וֶוען מִיר זָאלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן וִויסְן אוּנְזֶערֶע כּוֹחוֹת אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר דַארְפְן, וָואלְטְן מִיר גֶעקֶענְט אוֹיסְ'פּוּעֶלְ'ן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

(לוּחַ בְּרֶסְלֶב, פַּרְשַׁת חֻקַּת תשפ"א לִפְרָט קָטָן)

הָאט גִירוּפְן נָאךְ מְכַשְּׁפִים וָואס זֵיי וֵוייסְן נָאךְ מִשְׁפָּחוֹת כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ הִיטְן פוּן זֵיי. הָאט עֶס זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן דֶעם זוּן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה אוֹיף דִי מְדַבְּרִים. נָאךְ וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגִיזָאגְט דֶעם סוֹד דֶעם מְכַשֵּׁף.

אַמָאל הָאט זִיךְ גִיטְרָאפִין. אַז זֵיי זֶענֶען אִין אֵיינֶעם גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶער וַוארְטֶע בַּיי דֶעם מֶלֶךְ, פוּן דֶער מִשְׁפָּחָה פוּן דֶעם זוּן. אוּן פוּן דִי מְדַבְּרִים. זֶענֶען גִיגַאנְגֶען דִי מִשְׁפָּחָה פוּן דֶעם זוּן אוּן הָאבְּן גִימַאכְט אַ בִּילְבּוּל אוֹיף דִי מְדַבְּרִים הָאט דֶער מֶלֶךְ אוֹיס גִיהַרְגֶ'עט דִי מְדַבְּרִים. הָאט עֶס דִי אִיבְּרִיקֶע מְדַבְּרִים פַארְדְרָאסִין. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבְּן גִימַאכְט אַ מְרִידָה (דְהַיְינוּ אַ גְרוֹיסֶע קְרִיג) צְוִוישְׁן אַלֶע מְלָכִים. אִיז גִיוָוארְן צְוִוישְׁן דִי שֵׁדִים הוּנְגֶער אוּן חַלָשׁוֹת אוּן חֶרֶב אוּן דֶבֶר. אוּן סֶע גִיוָוארִין מִלְחָמוֹת צְוִוישְׁן אַלֶע מְלָכִים. אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז גִיוָוארִין עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ אִיז אַיין גִיפַאלִין דִי גַאנְצֶע עֶרְד. אִיז דֶער בּוֹים גִיוָוארִין אָן גִיטְרֶענְקְט גָאר אִין גַאנְצִין. אִיז פוּן זֵיי (דְהַיְינוּ פוּן דִי שֵׁדִים) גָאר נִישְׁט גִיבְּלִיבֶּען. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיוָוארִין גָאר נִישְׁט. אָמֵן.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט דָא דֶעם לָשׁוֹן: **"אִיז דֶער בּוֹים גִיוָוארִין אָן גִיטְרֶענְקְט גָאר אִין גַאנְצִין, אִיז פוּן זֵיי** (דְהַיְינוּ פוּן דִי שֵׁדִים) **גָאר נִישְׁט גִיבְּלִיבֶּען, אוּן זֵיי זֶענֶען גִיוָוארִין גָאר נִישְׁט"** - מִיט דֶעם הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי מַעֲשֶׂה, אַז דֶער חָכָם הָאט פַאר זַיין טוֹיט גֶערוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן הָאט זֵיי גֶעלָאזְט צַוָואָה: **"דָאס זָאלְט אִיר זֶעהְן תָּמִיד צוּ טָאן, אָן צוּ טְרֶענְקֶען בֵּיימֶער"**; דֶער בּוֹים גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ בּוֹים, וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְבָרִים כ, יט): כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה; אוּן עֶר דַארְף זִיךְ אָנְטְרִינְקֶען מִיט וַואסֶער.

וָואס אִיז דִי וַואסֶער? - הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: דִי וַואסֶער גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דְרֵיי זַאכְן; אוֹיף דִי 'הֵיילִיגֶע תּוֹרָה' וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא קַמָּא פב.): "אֵין מַיִם אֶלָּא תּוֹרָה"; אוֹיף 'תְּפִלָּה' וִוי עֶס שְׁטֵייט (אֵיכָה ב, יט): "שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ"; אוּן אוֹיף 'תְּשׁוּבָה' וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ב, ד): "תְּשׁוּבָה נִמְשְׁלָה כַּמַּיִם". דִי דְרֵיי זַאכְן, תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן תְּשׁוּבָה, פַארְטְרַייבְּן דָאס שְׁלֶעכְטְס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער עֶרְשְׁטֶע סָארְט וַואסֶער אִיז 'תּוֹרָה'. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה, עֶר נִיצְט אוֹיס דִי צַייט, פַאלְן אַוֶועק אַלֶע שֵׁדִים אוּן רוּחוֹת אוּן עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער פוּן זֵיי; דֶער מֶענְטְשׁ הָאט מֶער נִישְׁט קַיין צַייט פַאר דִי מְדַבְּרִים אוּן פַאר מַחֲלוֹקֶת אוּן מִלְחָמוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה דֶעם 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד' (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו), אַ מֶענְטְשׁ זָאל לֶערְנֶען דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין; אַ מֶענְטְשׁ וָואס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר נֶעמְט אָן דֶעם 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, עֶר כַאפְּט אַרַיין יֶעדֶע מִינוּט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, דֶער הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין צַייט צוּ קַיין מְדַבְּרִים, דֶער הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין צַייט צוּ נַארִישְׁקֵייטְן, אִיךְ דַארְף דָאךְ עֶנְדִיגְן חוּמָשׁ, אִיךְ דַארְף דָאךְ עֶנְדִיגְן מִשְׁנַיוֹת, וואו הָאבּ אִיךְ צַייט פַאר אִיבְּרִיגֶע זַאכְן?

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט וַוייטֶער: מִיר הַאלְטְן שׁוֹין יֶעצְט בַּיים סוֹף פוּן סֵפֶר דְבָרִים, עֶס קוּמְט נָאךְ צְוֵויי סִדְרוֹת, הַאֲזִינוּ אוּן וְזֹאת הַבְּרָכָה - אוּן מִיר הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט גַאנְץ חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה; מֶען קֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ פוּן נָאךְ מִנְחָה שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג, אוּן וְזֹאת הַבְּרָכָה אִיז אַ קְלֵיינֶע סֶדְרָה, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה.

דָאס אִיז דָאךְ אַזַא גְרוֹיסֶע מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי גֶעבְּט מִיר אַ וֶועג אִיךְ זָאל קֶענֶען עֶנְדִיגְן חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער - סוֹף וָואךְ הָאבּ אִיךְ דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה אִין מַיין הַאנְט, אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קַיין צַייט פַאר נַארִישְׁקֵייטְן.

אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען קוּמֶען דוּרְךְ רֶעדְן אוּן זִיךְ קָאכְן אִין זַאכְן וָואס הָאט נִישְׁט מִיט דִיר, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט: **"בַּאֲשֶׁר עֶס אִיז בַּיי אוּנְז פַארְהַאנְדְן מְדַבְּרִים** (כְּלוֹמַר רֵיידֶערְס) **אוּן דִי מְדַבְּרִים גֵייעֶן אוּן מַאכִין קְרִיג צְוִוישְׁן דֶעם מֶלֶךְ אוּן צְוִוישְׁן דֶעם מֶלֶךְ אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט מִלְחָמוֹת"**, דֶער קָאכְט אוֹיף דֶעם, אוּן דֶער קָאכְט אוֹיף דֶעם, עֶר זָאגְט אַזוֹי, אוּן עֶר זָאגְט אַזוֹי וְכוּ', - פְּרֶעגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: וָואס הָאט דָאס מִיט דִיר?! וָואס קָאכְסְטוּ זִיךְ, וָואס בִּיסְטוּ פַארְנוּמֶען מִיט זַאכְן וָואס הָאבְּן נִישְׁט מִיט דִיר?!

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פְרֶעגְט וַוייטֶער: מֵילָא אַ חָסִיד פוּן סְתָם אַ חֲסִידוּת וָואס וַואקְסְט אוֹיף פוּן אַלְס קִינְד מִיט מַחֲלוֹקֶת, זַיין רֶבִּי קְרִיגְט זִיךְ אוֹיף דֶעם אַנְדֶערְן רֶבִּי וְכוּ' - אִיז עֶר דָאךְ אַזוֹי אוֹיפְגֶעוַואקְסֶן, דָאס אִיז טַאקֶע נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ זִיךְ צוּ מִישְׁן אִין מַחֲלוֹקֶת, אָבֶּער עֶס לִיגְט נָאךְ אִין זַיין בְּלוּט זִיךְ צוּ קְרִיגְן אוּן טַעֲנָה'נֶען, אָבֶּער דוּ וָואס וֵוייסְט שׁוֹין פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט דִיר שׁוֹין גֶעגֶעבְּן אַבִּיסְל שֵׂכֶל, וָואס גֵייט דִיר אָן וָואס טוּט זִיךְ מִיט דֶעם אוּן יֶענֶעם?! אַז בִּיסְטוּ זַיינְס אַ חָסִיד אוּן מֶען קְרִיגְט זִיךְ בַּיי אִים, שְׁטֵיי אִין דִי זַייט, מִישׁ זִיךְ נִישְׁט אִינֶעם מַחֲלוֹקֶת!

אַנְשְׁטָאט זִיךְ קְרִיגְן אוּן טַעֲנָה'נֶען, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת זָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, נֶעם אַ גְמָרָא זָאג אַפָּאר שׁוּרוֹת גְמָרָא, נֶעם אַ תְּהִלִּים זָאג אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים - אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט פַאר דִי אַלֶע טַעֲנָה'רֵייעֶן אוּן מַחְלוֹקֶת; אִיךְ דַארְף עֶנְדִיגְן מַיינֶע שִׁיעוּרִים.

דֶער צְווייטֶע סָארְט וַואסֶער אִיז 'תְּפִלָּה'. זָאגְט דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט 'תְּפִלָּה', אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אָנְטְרִינְקֶען מִיט תְּפִלָּה והִתְבּוֹדְדוּת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ גְרִינְגֶע עֵצָה אוּן אַ זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע מַתָּנָה פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת', אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן זַיין הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דוּ קֶענְסְט זִיצְן אִינְדֶערְהֵיים אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין לַאנְגְוֵוייליג, אוּן אוּמֶעטִיג, דוּרְכְ'ן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ שְׁטֶענְדִיג זַיין פְּרִישׁ אוּן גוּט מוּטִיג.

דֶער דְרִיטֶע סָארְט וַואסֶער אִיז 'תְּשׁוּבָה'. זָאגְט דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, וואוּ קוּק אִיךְ מִיט מַיינֶע אוֹיגְן? וָואס רֶעד אִיךְ מִיט מַיין מוֹיל? וָואס טוּט זִיךְ מִיט מַיין שַׁחְרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב? וָואס טוּט זִיךְ מִיט מַיין תְּפִילִין? אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אוּן דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט עֶס צוּגֶעגְלִיכְן פּוּנְקְט וִוי מֶען הָאט גֶעזֶען דִי לֶעצְטֶערֶע פָּאר חֲדָשִׁים, וִוי יֶעדֶער אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין אַקַאוּנְטֶענְט אוּן אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען זַיינֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת וִויפִיל עֶר פַארְדִינְט אוּן וִויפִיל מֶער עֶר קֶען פַארְדִינֶען, כְּדֵי צוּ קֶענֶען בַּאקוּמֶען גֶעלְט פוּן דִי רֶעגִירוּנְג (אָנְעֶמְפְּלוֹימֶענְט), - דָאס זֶעלְבֶּע מַאךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵיי אַדוּרְך מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיין גַאנְצְן לֶעבְּן, פִּיר אִיךְ זִיךְ אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין?

אוּן אַז אִיךְ גֵיי דוּרְךְ מַיין לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ טְרִינְק אָן מַיין בּוֹים, מַיין נְשָׁמָה, מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה, הָאבּ אִיךְ מֶער נִישְׁט קַיין צַייט צוּ זִיךְ קָאכְן אוּן טַעֲנָה'נֶען אִין אִיבְּרִיגֶע זַאכְן, וָואס הֶערְט זִיךְ מִיט דֶעם, וָואס הֶערְט זִיךְ מִיט יֶענֶעם וְכוּ', וָואס זָאגְן דִי מְדַבְּרִים וְכוּ', אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען מִיט מִיךְ אַלֵיינְס.

אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיגוּל - רִינְג וָואס דֶער חָכָם הָאט גֶעמַאכְט אַרוּם זַיין מִשְׁפָּחָה, מֶען זָאל לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן יֶעדֶע זַאךְ זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס רַאטֶעוֶועט פוּן דִי שֵׁדִים, דִי נִישְׁט גוּטֶע, אוּן דִי מְדַבְּרִים, וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (סַנְהֶדְרִין סז:): אַ כִּשּׁוּף מַאכֶערְ'ן הָאט גֶעוָואלְט מַאכְן כִּשּׁוּף אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן אֲמוֹרָא רֶבִּי חֲנִינָא, הָאט אִיר רֶבִּי חֲנִינָא גֶעזָאגְט: "אִי מִסְתַּיְּיעַת זִילִי עֲבִידִי, אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ כְּתִיב", דוּ קֶענְסְט פְּרוּבִּירְן מַאכְן כִּשּׁוּף וִויפִיל דוּ ווִילְסְט אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִיר, וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (דְבָרִים ד, לה): "אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ", עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְן בָּטֵל אַלֶע כִּשּׁוּף אוּן נַארִישְׁקֵייטְן.

אוּן דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט וַוייטֶער: דִי צְוֵויי הוֹיפְּט מַתָּנוֹת הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן: דֶער 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד' - לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת' - רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס זָאל אִיךְ בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וָואס אִיךְ דַארְף!

וואוֹיל אִיז פַאר דֶעם וָואס אִיז נָאר פַארְנוּמֶען מִיט זִיךְ, מִיט זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן הָאט נִישְׁט קַיין צַייט פַאר מַחְלוֹקֶת אוּן פָּאלִיטִיק. אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט וֶוען מֶען הָאט אִים אַמָאל גֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט דִי מַחֲלוֹקֶת אוֹיף אִים, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזוֹי סַאךְ שִׁיעוּרִים וָואס אִיךְ דַארְף לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט צוּ הֶערְן אוּן צוּ עֶנְטְפֶערְן פַאר מַיינֶע מִתְנַגְּדִים".

אוּן דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט לֵייגְן צוּ נָאךְ אַ שִׁיעוּר אוֹיסֶער זֵייעֶר גֶעהֶערִיגֶע שִׁיעוּר אִין שַׁ"ס, דוּרְךְ צוּ לֶערְנֶען דִי מַסֶּכְתָּא פוּנֶעם יוֹם טוֹב, בֶּעפָאר ראֹשׁ הַשָּׁנָה - מַסֶּכֶת ראֹשׁ הַשָּׁנָה, בֶּעפָאר יוֹם הַקָּדוֹשׁ - מַסֶּכֶת יוֹמָא, בֶּעפָאר סֻכּוֹת - מַסֶּכֶת סוּכָּה, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים, אִין תִּיקּוּנֵי זֹהַר, אִין דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים, אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל אָן בִּיז נָאךְ הוֹשַׁעְנָא רַבָּא.

אוּן דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז אַרַיין אִין אַ לֶענְגֶערֶע שְׁמוּעֶס פוּן 'תְּפִלָּה', אוּן גֶעזָאגְט: אִיךְ דַארְף נִישְׁט וֶוערְן אַ 'בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר' צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן אוֹיךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אִיךְ דַארְף הָאבְּן דֶעם בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר רֶבִּי עֶר זָאל מִיר שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵּק זַיין אוּן אוֹיפְמִּרִישְׁן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶענְטְשְׁן זֶענֶען בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר וֶוען זֵיי הֶערְן דִי וֶוערְטֶער 'דֶער רֶבִּי' לֵייגְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אוּנְז', עֶס בַּאדֶערְט זֵיי: "וָואס, נָאר בְּרֶסְלֶב הָאט אָפְּגֶעקוֹיפְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן...?!" - זָאגְט דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: נֵיין, בְּרֶסְלֶב הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעקוֹיפְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דֶערְוַוייל זֶע אִיךְ אַז דוּ קוֹיפְסְט עֶס נִישְׁט...; אַנְדֶערֶע פְרֶעגְן: "וָואס מַאכְן דִי בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ אַזַא רַעַשׁ, יֶעדֶער רֶעדְט דָאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן...?!" - זָאגְט דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: נוּ, אַדְּרַבָּה, אַז יֶעדֶער רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאךְ גוּט... כַאפּ אֵיינְמָאל דַיין רֶבִּי רֶעדְן צוּ זַיין עוֹלָם אַז מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן...

מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דֶער רֶבִּי שְׁטַארְקְט אוּנְז מִיר זָאלְן בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אוּנְזֶער פָּשׁוּט'עֶ שְׁפְּרַאךְ וָואס מִיר דַארְפְן; דַארְפְסְט נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דֶעם שְׁפְּרַאךְ וָואס דוּ בִּיסְט צוּגֶעוואוֹינְט

צו רעדן.

אַז דו בּיסט שולדיג געלט פאַר איינעם, דו האָסט ריזיגע בּילס, דו דאַרפסט בּאַצאָלן מאָרגעדזש, דיין קינד פילט נישט גוט וכדומה, וואס איז דיין ערשטע עצה? לויפן צום דאָקטער, זוכן אַ מענטש וואס קען דיר העלפן?! - ניין! די ערשטע זאַך גיי צום אייבּערשטן, ער וועט דיך זיכער העלפן. אַוודאי דאַרף מען גיין צום דאָקטער, אַוודאי דאַרף מען טון די ריכטיגע השתדלות, אָבער ווער וועט מיר העלפן? נישט 'דער' מענטש און נישט 'דער' מענטש, דער הייליגער בּאַשעפער - ער וועט מיר העלפן.

די זעלבּע איז מיט אונזער זיין אין אומאַן אויף ראש השנה, די גייעס שרייט: "דאָס יאָר פאַרט מען נישט קיין אומאַן, אַלעס איז פאַרהאַקט און פאַרמאַכט!!", אָבער מיט תּפלה, דורכ'ן בּעטן אַסאַך דעם אייבּערשטן, וועט זיך עפענען אַלע גרעניצן און מיר וועלן - מיט'ן אייבּערשטנס הילף - זיין אין אומאַן אויף ראש השנה בּיים הייליגן רבּי'ן.

און דער ראש ישיבה שליט"א זאָגט ווייטער: יעצט זעט מען קלאָר פאַרוואס מיר פאָר'ן קיין אומאַן, אַלע יאָרן מאַכט מען חוזק פון די בּרסלבּ'ע חסידים: "מען פאָרט קיין אומאַן כּדי צו מאַכן אַ לעבּן..." הייַנט לאָמיר זען וואו איז די לעבּן... מענטשן זענען געפאָרן מיט די גרעסטע מסירת נפש, וואו עס איז נאָר דאָ אַ גרעניץ וואַלגערן זיך מענטשן דאָרטן אָן עסן, אָן שלאָפן און אָן די מינימאַלע מענטשליכע געבּרויכן.

אַז מען איז עוסק אין די דריי וואַסערן, מען ניצט אויס די צייט, מען לערנט אויפ'ן רבּי'נס 'סדר דרך הלימוד', און מען רעדט צום אייבּערשטן, און מען גייט אַ דורך דעם לעבּן מיט'ן אייבּערשטן, האָט מען שוין מער נישט קיין צייט צו די אַלע שמועסערייען. האָסט געהערט די גייעס? דער רבּי האָט זיך צעקריגט מיט דעם רב, און דער רבּי האָט זיך צעקריגט מיט דעם ראש ישיבה... - איך האָב נישט קיין צייט פאַר דעם, איך בּין פאַרנומען מיט וויכטיגערע זאַכן פון דעם.

רעדנדיג פון זיך נישט מישן אין מחלוקת האָט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט מיט גרויס ווייטאָג: ליידער הערט מען פון משפחות וואס מאַכן אָפּ: "מען גייט מסדר זיין דעם שוואָגער", אָדער גאָר "מען גייט מסדר זיין טאַטי, מען גייט אים שטעלן אין פּלאַץ..." - זאָגט דער ראש ישיבה שליט"א - אַז דו ווילסט העלפן דיין שוואָגער, דיין טאַטע, דיין שווער, לייג אַריין געלט אין זיין גראָסערי אַקאַונט וכדומה, אָבער גיין מיט אַ חוצפּה אַקעגן אַ טאַטע און שווער, און זאָגן: טאַטי, דאָ האָסטו געלט, אָבער טו אַזוי, טו אַהער, טו אַהין... דאָס איז נישט קיין צדקה, דאָס איז אַן עבירה!

און דער ראש ישיבה שליט"א האָט געזאָגט: מען קען גאָרנישט פאַרלאַנגען פון טאַטע און שווער, זיי קומען דיר גאָרנישט. נאַרישע אינגעלייט זענען פאַרנומען בּאַרעדן זייערע עלטערן: "היתּכן, דער קינד האָט יאָ בּאַקומען אַ קערידזש און פאַר מיר האָבּן זיי נישט געקויפט...?!" "היתּכן, פאַר דעם קינד האָבּן זיי געגעבּן אַ דאַון פּעימענט פאַר אַ הויז און פאַר מיר האָבּן זיי נישט געגעבּן...?!" - און דער ראש ישיבה שליט"א האָט זייער געווייטאָגט אויף דעם אויסשפּראַך און געפרעגט: "וואס גייט פּאַר מיט דיר? איינער קומט דיך עפּעס? קיינער קומט דיר גאָרנישט!".

דערנאָך איז דער ראש ישיבה שליט"א אַריין אין אַ שמועס פון 'שלום בּית' און געזאָגט: אינדערהיים טענה'ט מען זיך נישט, עס וועט גאָרנישט געשען אַז דו וועסט נאָכגעבּן. דער הייליגער רבּי האָט זיך קיינמאָל נישט גע'עקש'נט, אַז זי וויל אַזוי - זאָל זיין אַזוי.

און דער ראש ישיבה שליט"א האָט בּאַמערקט: עס מיינט נישט צו זאָגן אַז אַ אינגערמאַן דאַרף ווערן אַ שמאַטע פאַר זיין ווייבּ... ווערן אינגאַנצן אויס פאַר איר, נאָר סך הכּל געבּ איר נאָך, וואס וועט געשען אַז דו וועסט איר נאָכגעבּן? מען ווערט נישט קיין שמאַטע ווען מען געבּט נאָך פאַר די ווייבּ; אַ ווייבּ קען נישט מאַכן איר מאַן פאַר אַ שמאַטע, נאָר דער מאַן קען זיך אַליינס מאַכן פאַר אַ שמאַטע, טראַכטנדיג: 'איך בּין אַ שמאַטע', 'איך בּין אַ שמאַטע' - דעמאָלט איז מען טאַקע אַ שמאַטע, אָבער דורך נאָכגעבּן פאַר די ווייבּ געשעט גאָרנישט.

און דער ראש ישיבה שליט"א האָט געזאָגט: צוליבּ דעם אַליינס האָט זיך שוין געלוינט מקורב ווערן צום רבּי'ן, וויסן ווי אַזוי צו לעבּן מיט אַ ווייבּ; געבּ איר אַ גוט וואָרט, געבּ איר נאָך אַ גוט וואָרט, מען ווערט נישט קלענער ווען מען געבּט יענעם אַ גוט וואָרט. זאָג פאַר דיין טאַטע, פאַר דיין שווער: "איך קום דיר מיין לעבּן!" - דו וועסט פאַרדינען פון דעם.

אַז מיר וועלן זיך אָנטרינקען מיט די דריי וואַסערן, מיט תּורה, תּפלה און תּשובה, וועט מען ווערן געראַטעוועט פון אַלעס שלעכטס, פון די שדים און פון די מדבּרים.

אשרי האיש אשר לא הלך וכו' לא עמד ובמושב לצים וכו' והיה כעץ שתול על פלגי מים וכו' גאָר די מעשה איז מרומז אין דעם קאַפּיטל. ווער עס האָט אויגן לאָז זעהן און ווער עס האָט אַ האַרץ לאָז פאַרשטיין. וואס אויף דער וועלט טוט זיך.

אַז מיר וועלן פאָלגן דעם רבּי'ן וועלן מיר זוכה זיין צו אַלעס גוטס, און אַ גוט געבּענטשט יאָר, אָמן.

(ספּורי מעשיות, מעשה ג' - חלק יא

פאַרגעלערנט שבּת קודש פּרשת נצבים - וילך שנת תש"פ לפּרט קטן)